# אינזער האפענונג

## צוויי־וועכנטליכער ליטעראַרישער זשורנאַל

אינטער דער לייטונג

פֿון י. מ. ווייסענבערג

אינהאַלט:


י. מ. ווייסענבערג: וואָס איז אזוינס טאַלאַנט . . .
י. מ. ווייסענבערג: אַ שמיעס צו די ליט. פּיאָנערן וועגן זייער אויפגאַבע .
י. וואַגמאַן: מאָריס מעטערלינג און זיין שאַפן . .
ד״ר אבאַרבאַנעל: צו איבסענס הונדערט־יעריקן געבורטס־טאָג . . . .
. באַלסאַם: ברוך שפּינאָזאַ — דער פּיאָנער פֿון פרייען געדאַנק . .
. וויסאָצקי: משפחה בליט (דערצעלונג) . . . . .
. מעריסמאַן: דאָס דערוואַקסענע
ווינדער־קינד (פֿון איגזער דיכטער גאַלעריע) . . . . .
פ. שפּערקאַ: סעדער־ליבע (דערציילונג) . . . .
יחיאל לערער: (געזאַנגען) . . .
י. פּאַפּיערניקאָוו: (לידער) . . . . .
מ. גראָדזיצקי: פערשווינדענע טרוימען; ס׳טהוט מיר באַנק; בענגליכע קלאַנגען . .
שרה בירנבוים: וועלעכלעך (וויגליד) . . . . . .
א. ד. פלאַקסער (פֿון לאָדז): אַ טרייסט . . . .
י. מ. ווייסענבערג: אַן ענטפער . . .


## דער
## יוּבּילעי
## נומער

פֿון: „איך פֿייער און אין בליט״ (ק. היישעריק). י. מ. ווייסענבערג: א רייד וועגן „יובילע... אין צוזאַמענהאַנג מיט י. י. פּראָפּוס׳עס יובילעי. ליט. כראָניק און מיניאַטור־רעצענזיעס.

הצנט 27

האָפ.־פערלאַג „האָפענונג״


Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.


# Inzer Hofenung

## DWUTYGODNIK LITERACKI


Warszawa | № 26 | 1 lutego 1928.


פרייז 50 גר.


אַדרעס:
Red. INZER HOFENUNG
WARSZAWA
Dzielna 11, m. 11.
פאַר געלד פּ. ק. אָ. 14.531.


אַבאָנאַמענט־פּרייז:
פערטל־יעהרליך 3 זל.
האַלב־יעהרליך 6 זל.


Wyd. B. Wajsenberg. Druk. „Splendid", Graniczna 6, tel. 301-67.

# אינזער האָפענונג

צווייוועכענטליכער ליטעראַרישער זשורנאַל

1־טער אַפּריל — וואַרשע 1928



י. מ. ווייסענבערג


## וואָס איז אַזוינס טאַלאַנט?

(געווידמעט דעם יובילעי־נימער
„אינזער האָפנינג" נימ. 27)

איך ווייס נישט צי מען וועט מיט מיר איינשטימען, אַז אַ מענטש זינגט אויס בענקשאַפט: בענקשאַפט נאָך פרייד, בענקשאַפט נאָך שיינהייט, נאָך דערגרייכונג און ענדליך: בענקשאַפט נאָך בענקשאַפט, די גרויסע בענקשאַפט, וואָס שטייט הויך איבער דער וועלט, אין דעם טיפן סוד פין איר עקזיסטענץ, פין אינזער עקזיסטענץ און אפילו אויך פין טויט.

אָבער צי וואָס אַזויפיל בענקשאַפטן דערמאַנען. לאָמיר דאָס פאָרמולירן אין איין וואָרט: אַ מענטש זינגט אויס בענקשאַפט.

פאַרוואָס שרייבט אַ שרייבער? נישט דערפאַר ווייל ער האָט טאַלענט צי שרייבן. אַז ער האָט טאַלענט צים שרייבן, קען ער אים פינדעסטוועגן נאָך אַוועקלייגן אין שיפלאָד אַריין און צים בדיקת חמץ אים ערשט אַרויסנעמען און שיקן אים צים פערברענען. נאָר ווען דען שרייבט אַ מענטש? ווען ער שרייבט אויס בענקשאַפט, אָדער פרייד אַפילו נאָכן בעקימען אַן אויסגעבענקטע זאַך און נישט נעזעטיקטקייט נאָך איר.

וואָס פערדרייט מען שרייבער דעם קאָפּ, אַז שרייבן איז

מינוטער, אָבער ביים סוף האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און אַ פייכטקייט האָט פין אירע אויגן אַרויסגעשלאָגן:

— לאַזאַר, וועסט מיר מוחל זיין...

זי האָט זיך צעוויינט.

אַ מבולבלדיקער איז לאַזאַר געבליבן שטיין. דערפיהלס, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן, ענטפערן, אפשר אַז ער ווייסט נישט וועער וועמען עס דאַרף מוחל זיין... נאָר פליצלינג האָט ער זיך דערמאַנט יענעם ענטפער אירן ביינאַכט... און די ווערטער זענען אים פערקלעמטע געבליבן שטיין אין האַלז, געריסן דאָס האַרץ אויף שטיקער.

עפּעס אַן אָרגאַנישער עקל האָט אים אַרימגעכאַפּט און גלייכצייטיק אַ ברידערליך רחמנות צי דער שוועסטער. געדאַכט האָט זיך אים דערביי, אַז עפּעס איז זי טמא, אַט דאָס ריין־בליטיקע געוויקס פין זייער יחסניש אָפּגעהיטער משפחה־אָראַנזשעריע...

אָבע־ אַ מעער פערביסנקייט, ביז שנאה, האָט זיך אויף זיין האַרץ געלייגט וועגן אָט דעם ברוטאַלן זכר... מיטן דיקן־שמעקעדיקן ציגאַר צווישן די פליישיקע ליפּן און זאַט טעמפּן ציפרידענעם שמייכעלע אין די מויל ווינקלען. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן זעהט ער זיין שוועסטערס ווייגען... יאָ! זי פיהלט דאָס זעלבע... דער דאָזיקער נפש האָט זי מטמא געווען...

אַ געדאַנק איז אים בליץ־שנעל דאָרכגעפלויגן: אפשר וועט אים געלינגען זי פּאָרט בעפרייען פין זיין שפינגעוועב...

ער האָט פליצלינג זיין ליבע שוועסטער ביים אָרעם אַ כאַפּ געטיעז, אָפּגעפיהרט זי אין אַ ווינקל וואגאָן און מיט אַ צי־שנדיק אויפגערעגט געבעט־קול, געשעפּטשעט: — טאַניע, ס'איז נאָך נישט צי שפּעט... בעסער שפּעט... איידער...

נאָר פליצלינג האָט פין אַ צווייט ווינקל אַרויסגעדינערט מאַלקינס באַסאָווע שטים:

— טאַניע! ס'איז שפּעט... דער צוג רירט!

זי האָט זיך מיט אַ געוואַלדיקן אָנגעשטרענגטן כח אַ ריס געטיען פין ברידערס אָרעמס און אַ האַלב פערחלשטע איז זי אַריינגע־





פאַלן אין מאַלקינס. דער צוג האָט זיך ברעמזלענדיק אַ וואַקל געטיען. מאַלקין איז מיט איר, האַלטנדיק זי אַזוי, אַראָפּגע־שפּרינגען פין טרעפּל, ווען דער צוג האָט גערירט.

---

ראָבערט מעריסמאַן

## דאָס דערוואַקסענע ווינדער־קינד

(פין אינזערע דיכטער גאַלעריע)

אַ. לוצקי — אומעטיק און פריילעך פ. „אַבאַנענטן" ניו־יאָרק — 1927

פליסנדיקע און שטענדיק זיך בייטנדיקע זענען די לעבנס־פאָרמען פין אינזער מענטשליכער געזעלשאַפט. ס'איז געווען אַ צייט ווען מ'האָט געמיינט, אַז אימפּערענדערנדיקע זענען די פאַקטאָרן און די אימפּולסן פין אינזערע ווערטער און מעשים, נאָר די לעצטע יאָרן האָבן אינז בעוויזן אַז אויך זיי האָבן זיך אַ בעוועג געטיען ביי־זאַמען מיט די לעבנט פאָרמען אויף אַן אַלץ נייערן און נייערן פאָן, לויט די נייע אימשטענדן, ביי די משונה־דיק־פערשידנאַרטיקע נייע בעדינגונגען. און ענטשפּרעכנד די נייע „אימשטענדן" בערייכערט זיך די נשמה פין געגנווערטיקן מענטש מיט אַלע נייע געפיהלס־ניואַנסן. ס'וואַקסן אויס נייע שטימונגען, ס'ווערן אויפגעכאַפּט נייע ריטמען און, אויב דאָס איז אַ נשמה פין אַ קינסלער — זיכט עס און פאָדערט אַלץ נייע פאָרמען, ווערטער און פאַרבן אויף צי פערקערפּערן אָט די נייעווירקליכקייט אין זיינע קונסט־שאַפונגען. אָט פאַרוואָס מאַקי א. לוצקיס לידער־זאַמלונג האָט נישט נאָר געצויגן מיין אויפ־מערקזאַמקייט און געשאַפן מיר דעם אינטערעס עס צי לעזן און איבערלעזן, נאָר — מיך אויך בעוואויגן צי שרייבן וועגן דעם אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג, ווייל — רעצענזיע און סתם קריטישע מבינות קענען נישט שולט זיין אַזאַ אָריגינעלע שאַפונג ווי עס איז לוצקיס.

אין דער צייט ווען מיר בעמערקן אין אינזער (נישט נאָר

יידישער, נאָר אויך אַלוועלטלעכער) מאָדערנער דיכטונג, אַן אָנ-
זאַמלונג פין כיטרע קליגע פאָרמען, נאָך וועלכע עס שפּירט זיך
נישט קיין עכטע איבערלעבונג (מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען,
פערשטייט זיך ר. מ.) אָדער קינסטלעכער איבערזייגעכץ פין דער
שוין אָפּגעלעבטער ווירקלעכקייט און פערפאַלקאָמטע, איז געקימען
אַ. לוצקי און האָט אויף אַן אָריגינעלן אופן אינז בעוויזן, אַז
די ווירקלעכקייט מיז אימבעדינגט זיין אַלס טעמע און פאָרם.
דערצי איז נאָך פּשוט צי בעווינדערן ווי אַזוי פאָרם און אינ-
האַלט גיסן זיך ביי אים צינויף אין איין האַרמאָנישע גאַנצקייט,
וואָס הייסט: לעבן, נאָך מלחמהדיק לעבן...

איך ווייס: מען וועט מיך פרעגן, איבערלעזנדיק די דאָ-
זיקע שורות, נאָך אפשר מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן: ווי
אַ שטייגער האָבן מיר אָט אַזאַ משוגעהדיקע לעבנס-ווירקלעכקייט,
וואָס זאָל באמת זיין ציגעפּאַסט אַקוראַט צי די טעמעס און פאָר-
מען, וועלכע מיך טרעפן כסדר ביי לוצקין? — געוויס, שטודירנדיק
אַלע קונסט-פאָרמען ביי זיך אין צימער, מיינען מאַנכע וואָרט-
זאָגער, אַז זייער צימער — דאָס איז ל ע ב ן, פּינקט ווי אַ מי-
ניסטער מיינט, ארויסגעבנדיק אַ געזעץ אין אַ מדינה, אַז ווייל
ער איז מיניסטער קען ער אָמבעסטן דאָס לעבן, מיט אַלע פריידן
און ליידן, נויטן און בעדערפענישן פין די בירגער. און ווער
וועט עס וואָגן צי בעהויפּטן, אַז אַפילו דער „געקרוינטער" קרי-
טיקער מיז דווקא זיין אַ טיפער לעבנס-קענער און אַלזייטיקער
לעבנס-בעגרייפער? אַ סך פין די יעניקע, וועלכע האַלטן זיך
פאַר „די גדולי-הדור פין דער טיפישער משפחה" ווייסן געוויס
אַ סך ווייניקער פין לוצקין, וואָס עס טיהט זיך אין „גרויסן
טאָפּ", וואָס הייסט: וועלט און קאַמף פאַר עקזיסטענץ. ווען עס
קאָכט זיך וואַסער אויף זופּ מאַכט עס: הו סאַ סו סאַ! הי סאַ
סו סאַ! ווען וואַסער פין דעם זעלבן, קאָכט אויף טיי, טאַנצט
דאָס דעקל פין טשייניק: „היטאַ, טי טאַ, טי טאַ, טי טאַ".

זאָל זיין, אַז לוצקי האָט אינז די גאַנצע פריילעכע לעבנס-
פילאָזאָפיע געגעבן פּאָפּולאַריש, אָבער... קיין פאַבל איז עס דאָך
נישט, — דאָס איז גיכער די לעבעדיקע ווירקלעכקייט, וואָס קיי-





נער האָט נאָך ביז היינט נישט אויפגעפּאַסט און בעגריפן אַזוי
אָריגינעל-טיף און קינסטלעריש קינדעריש-הומאָריסטיש, ווי דאָס
האָט א. לוצקי אין אַלע זיינע לידער און אָמבעסטן לויט זיין
מיינונג, אין דער אָפּטיילונג „טעפּ".

איך בין מיך מודה: ווען איך האָב צים ערשטן מאָל איבער-
געלעזן לוצקיס לידער-ביך, האָט עס מיך דערמאָנט אָן מיין שטי-
פעריש קינד, ווען עס שפּילט זיך מיט זיינע צאַצקעס, מאַכט
פּאַפּירענע פערדלעך, אַעראָפּלאַנען און בריקן, כאַפּט זיין בלעכן
פייער-לעשער-פּעסעלע מיטן איינגעשפּאַנטן בלעכענעם פערדעלע
און לויפט איבערן צימער שרייענדיק: „פּאָזשאַר"! און אויך איצט,
נאָכן איבערלעזן דאָס ביך שוין צים דריטן מאָל איז אָט דער
איינדריק נישט פערשווינדן. עפּעס אַזוי פיל קינדערישעס טרעפט
מען ביי לוצקין. אַ גרויסע קינדערישע וועלט מיט... צאַצקעס.
וואָרים אַלץ איז ביי לוצקין אַן ערנסט-אויפגעפּאַסטע שפּיל-צאַצ-
קע און... קינדערישע בעווינדערונג, קינדערישע בעגייסטערונג.
אַלץ איז ביי לוצקין ריין קינדעריש און דעריבער אַזוי עכט,
נישט געקינצלט. און אַ דאַנק דאָס לעצטע קריגט דער דיכטער
אַ שטאַרקע ווירקונג אויך אויפן לעזער, וואָס ווערט, פּינקט ווי
ער אַליין, בעגייסטערט פין יעדערן קליינִיקייט.

אָט זעען מיר ביי לוצקין ווי „אַ פּאַפּירענער אָדלער"
(ז. 73) ליגט אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן און... בענקט. דער
בוים דערביי בענקט, דער פּאַפּירענער אָדלער בענקט און ספּיהלט
זיך, אַז לוצקי, דאָס דערוואַקסענע ווינדער-קינד, בענקט אויך:
אַ קינדערישע בענקשאַפט, אָבער אַ טיפע, אַן אמתדיקע. נישט
קיין געמאַכטע, ווי דאָס טרעפט ביי פילע, אַזוי גערופענע „דער-
וואַקסענע" אין דער „וועלט פין דיכטונג". און אָט טרעפן מיר
„אַ פּאָדים" (ז. 81), דאַכט זיך וואָס? — „אַ פּאָדים, לאַנג ווי
אַ שלענגעלע" איז „ווי אַ רעדעלע געלאָפן איבער דער לענג
אויפן טראָטואַר" אין שרעק פין אַ שטאָרם. און וואָס אַ שטייגער
מיינט איר איז געשען? — דאָס פעדימל איז אַריינגעפאַלן אין
אַ טייכל (וואָס ווערט אין לוצקיס קינדערישער פאַנטאַזיע באַלד
פערוואַנדלט אין אַ ים ר. מ.), טאָ זעהט, וואָס פאַר אַ לויה אינ-

זער דיכטער מאַכט דאָ פֿאַרן פעדימל, פּינקט ווי דער גרעסטער
וועלט-מענטש וואָלט חלילה זיך דערטרינקען. אַ גאַנצע וועלט-
קאַטאַסטראָפע, און אַזעלכע וועלט-קאַטאַסטראָפן זענען ביי לוצ-
קין פֿערהאַנען אַ סך, ווייל — ווי אַ קליין גאַניאַל-ענטוויקלט
קינד ווערט לוצקי בעווירקט פֿין יעדן קליינינקייט, פֿין דער
מינדעסטער זאַך און ס׳דאַכט זיך בעתן לעזן, אַז די גאַנצע
וועלט בעשטייט דארכויס פֿין לויטער אַזעלכע קליינינקייטן. אויב
אָבער לוצקי נעמט אויף יעדע זאַך קינדעריש, ווערט ער פֿין
די אַלע קינדערישע קליינינקייטן בעווירקט ווי אַ דענקער, ווי
אַ דיכטער, ווייל — ווי זאָגט ערגיץ טיק: „קינדער שטייען
צווישן אינז ווי גרויסע נביאים“, אָדער ווי נאָוואַליס האָט גע-
זאָגט: „די האַנדלונגען פֿין אַ קינד טראָגן אויף זיך די אָפּגע-
שטעלטונג פֿין א ווינדערבאַרער וועלט, נאָך נישט קיין אָפּגע-
ריבענער פֿין דער ערדישער פערפלייצונג“. אָט די ווינדערליכע
וועלט געפינען מיר ביי א. לוצקין אָפּגעשטעמפּלט מייסטערהאַפט
און אָריגינעל-אייגנאַרטיק דאָרך זיין קינדערישקייט.

א דאנק אָט דער קינדערישקייט וואָס אין לוצקין, גייט ער
פֿערביי דאָס אויסערגעוויינליכע, פּינקט ווי דאָס וואָלט געווען א
זאַך פֿאַר דערוואַקסענע און נישט פֿאַר אים. ער — ווי יעדער
אויסערגעוויינליכער קינסטלער — בעדאַרף נאָר דאָס געוויינליכע,
וואָס קימט ביי אים סיי-ווי אַרויס אויסערגעוויינליך (ווי דאָס
ביי יעדערן בעגאַבטן קינד).

אָט זעהט לוצקי אַ „פֿאַרנאַכט“ (ז. 217)

„מיינסט נאָר די אַליין, ווערסט אימעטיק פֿאַרנאַכט?
אַלע זאַכן אויף דער אימעטיקער ערד,
ווערן אימעטיק פֿאַרנאַכט.“

און ער רעכנט קינדעריש-נאַיוו אויס די זאַכן וואָס ווערן
אימעטיק און ער פֿערענדיקט לסוף, נאָך מער קינדעריש: „די
הערסט?“ האָט ווער פֿין אינזערע דיכטער געזען אַ מאָל אַ
פֿאַרנאַכט אַזוי ווי דאָס האָט געזען לוצקי? אַזוי קען נאָר זען
אַ קינד, ביי וועמען דאָס „בלאַסע שפּענדעלע“ איז אים אַ זאַך,
אַ גרויסע זאַך. נאָר אַ קינד און אַ וויסנשאַפֿטסמאַן קען אַזוי





בעמערקען יעדעס קליינינקייט. יאָ, אַ דענקער. אַ פֿילאָזאָף און אַ
קינד קען שפּירן אַ סימפּאַטי צי יעדן מינדעסטן קליינינקייט און
זען אין אַלץ לעבן און בעטראַכטן דאָס מינדסטע, נישטיקסטע
זאַכעלע פֿאַר אַ גלייכבערעכטיקטע טייל פֿונם וועלטאַל. זען מיר
טאַקי ביי לוצקין „משיקאָזע ליבעס“ (ז. 65 — 74), וואָרים ווער
א שטייגער וויל דען נישט געניסן פֿין דער גרויסער געטליכער
ליבע, אַפֿילו דאָס „גאָלדן זייגער“. האָלצן קעסטעלע, שטויבן
שטיינדעלע“, אַלע ווילן ליבע, אַלע זיכן אַ האַרציקן גלעט.
לוצקי איז אָבער כמעט דער איינציקער וואָס איז מסוגל עס
נשמהדיק צי פֿיהלן.

צי איז לוצקי נישט מער ווי אַ געוויינטליכער דיכטער?
אָט לעזן מיר צ. ב. „געשטאַלטן“ (ז. 211), דאַכט זיך
וואָס - קליינינקייטן: העמדער, אַ טיכל, לייליכער, האַנטיכער,
דאַכט זיך פֿין וואָס איז דאָ נתפּעל צי ווערן און פֿינדעסטוועגן
קריגן מיר ביים לעזן נישט קיין קלענערע התפּעלות פֿין אָט די
אַלע, ווי לוצקי.

דעסגלייכן — ביי אים אַ ליד „געוועזענע מענטשן“ (ז. 213)
און-ווי אָריגינעל און אייגנאַרטיק דער דיכטער פֿאַסט עס אויף:

„אָט דאָ — ווי איר — איז ער — געווען.
איז זי — געווען — אַזוי ווי איר.
האָט ער — געמיינט
האָט זי — געמיינט,
אַזוי ווי איר...

איז ער — נישט מער,
איז זי — נישט מער,
נישטאָ שוין מער...

נאָר איך — בין נאָך.
און איר — זענט נאָך.

איך רייד מיט אייך — און טראַכט פֿין זיי.
זעה איך זיי — ווייז איך אויף אינז...“

אָט דאָס נאָר-וואָס ציטירטע לידל אינם בוך: „געוועזענע מענטשן“, האָבן מיך דערמאָנט אָן די ווערטער פֿון בעוויסטן רוסישן דיכטער בריוסאָוו, אַז — „פּאָעטישע אינטואיציע איז נאָר דאָס זעען דאָס קומענדיקע, פֿערשטיין דעם סוף און דאָס טיפֿע פֿערהויליענע פֿון וועלט און לעבן“. און אויסגעדריקט איז עס אַלץ ביי לוצקין אַזוי פּשוט קינדעריש, אין געציילטע, פֿיל-זאָגנדיקע ווערטער און — מייסטערהאַפֿט, אַזש ביז צום בעווינדערן. ס'איז נישט פּאָעזיע? — דאָס איז דאָך אַ סך מער ווי פּאָעזיע!...

(פֿאָרטזעצונג קומט)

---

חיים שפּערקא

# סעדער-ליבע

(דערציילונג פֿון סעדער-לעבן)

אַ גרויסע רונדיקע לבנה האָט זיך בעוויזן אויפֿ'ן ראַנד פֿון הימעל אין דער פֿאָרם פֿון אַ בליטיק-רויטן טעלער און זיך אָנגעהויבן אויפֿהייבן העכער איבער דער ערד. וואָס העכער זי איז געקומען אַלץ מער האָט זי פֿערלוירן פֿון איר רויטקייט ביז וואַנען זי האָט געקריגן אַ העל-בלאַסע קאָליר.

אויפֿ'ן סאַמע מיטן הימעל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און בעלויכטן אַ גרויסן אויבס-סאָד. שטיל זענען געשטאַנען די ביימער, בעלייגט מיט עפּעל און באַרנעס, אַזוי געדיכט, אַז די צווייגן האָבן זיך אַזש געבויגן צו דער ערד פֿאַר שווערקייט. אַ ריאיקע נאַכט איז געווען אָן אַ שים ווינטעלע, אַפֿילו קיין איינציק בלעטל האָט זיך נישט בעוואויגן.

אין מיטן סאָד אויף אַ ווינקל פֿון צוויי אַלעען איז געשטאַנען אַ לאַנגע הילצערנע בויד. ביי דער זייט איז געלעגן צוגעבונדן אויף אַ קייט אַ גרויסער שוואַרצער הינט און האָט געדרעמעלט. פֿון צייט צו צייט האָט ער זיך אַ כאַפּ אויף גע-





געבן, אויף אַלע פֿיר פֿיס און אָנגעהויבן צו בילן אַ מאָל אויף דער לבנה, און אַ מאָל גלאַט אַזוי סתּם אין דער וועלט אַריין, אַזוי פֿון היימליכקייט וועגן און צוריק איינגעדרימעלט.

אין דער דאָזיקער בויד האָט זיך אויפֿגעהאַלטן דער אייגנטימער פֿון סאָד און זיין פֿאַמיליע.

ס'האָט שוין געמיזט זיין שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווייל אין דער גרויסער בויד זענען שוין אַלע געשלאָפֿן. בלויז, פֿון דער קליינער שטרויערנער בויד, וואָס איז געשטאַנען אין עק סאָד ביים טויער, האָבן זיך געהערט האַרטע און געלאַסענע טריט פֿון סאָד-וועכטער. פּאַמעלעך איז ער אַרימגעגאַנגען דעם גאַנצן סאָד אום, אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט האָבן זיינע טריט אָפּגעקלינגען אַזוי רעגעלמעסיק און צום טאַקט אַזוי ווי דער טיק-טאַק פֿון אַ גרויסן זייגער אין אַ ליידיקער שטוב.

אַ לאַנגער שוואַרצער שאָטן אין לבנה-שיין האָט זיך אַרויסגעריקט פֿון צווישן די ביימער, ווי ער וואָלט וועמען אַ וועג געמאַכט אום, נאָך אים האָט זיך, ווי נאָכגעשלעפּט די קליינע נאָר שווערע פֿיגור פֿון וועכטער.

דער הינט דערהערנדיק טריט, האָט זיך אַ כאַפּ-אויף געגעבן און אָנגעהויבן בילן. דערזעענדיק אָן אייגענעם האָט ער באַלד אויפֿגעהערט. דערפֿאַר האָט ער אָנגעהויבן צו דרייען מיטן עק און אַרימטאַנצן אַרים דער קייט און ציגעריטשעט מיט אַזעלכע משינהדיקע אינטער-קולות, אַז עס האָט זיך געדאַכט, עס איז עפּעס מיט אים געשען...

ביי דער גרויסער בויד האָט זיך דער וועכטער אָפּגעשטעלט. אויף אַ לייטערל, וואָס איז געשטאַנען אָנגעלעהנט אָן דער בויד, האָט ער אויפֿגעהאָנגען די בורקע, אָוועקגעלייגט דעם גרויסן שטעקן און זיך אַרימגעקיקט.

דאָס איז געווען אַ געזינטער יינג, אַ קליינער, נאָר פֿעסט געבויט מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, אַ רויט פּנים מיט שוואַרצע געדרייטע וואָנסעלעך מיט די שפּיצן אַרויף. פֿון דער אינטערשטער קעשענע האָט ער אַרויסגענימען אַ זייגערל און

# אינזער האפענונג

צווייוועכנטליכער ליטעראַרישער זשורנאַל

אונטער דער לייטונג

פֿון י.מ.ווייסענבערג

אינהאלט:

י. מ. ווייסענבערג:
די לעצטע זעהונג.
י. וואגמאן:
מאַקסים גאָרקי . .
ראָבערט מעריסמאַן:
דאָס דערוואַקסענע
ווינדערקינד — א.
לוצקי . . . . .
גינע קליין:
צוויי ברידער . .
יחיאל לערער:
דער בעפרייטער
פראָמעטעאוס . .
ח. הינדע לעווי:
(פֿון דער סעריע
שטאַרקער פֿון טויט
(פּאָעמע) . . . .
מ. ב. שטיין:
ווין . . . . . . .

טייל אפ

## ליטעראטור

## פּיז פּאָרטיי און

## טאָג פּרעסע

אהרן גרינבוים:
א שפּיל פֿון בע-
גינען . . . . . .
שמשון פּוזעל:
ס'רייצט מיך, ס'
האָט ווידער דער-
וואַכט, קים פּרוי!
וויליאם קאַלען
ברייאַנט:
"טענעטאָפּסיס"
(יידיש ד"ר א.
אייסן) . . . . .
א. רוסקאָלענקער:
צוויי חברים (דער-
ציילונג) . . .
י. מ. ווייסענבערג:
I געדאַנקען וועגן
ביכער, II טעאַטער
און III רעזשי .

העפט 28

רעדאקציע: אויפֿרוף, רשימה פֿון באַפעסטיגונגס-פאַגד. * *

קאָפּ-פערלאג „האָפענונג"

## אַ ענטפער פֿון י. מ. ווייסענבערג.

מיין ליבער יחיאל לערער. איך דריק נישט אייער איינגע-שיקטע באַטראַכטונגען בריף פאַר מיר. נישט ווייל דאָרט זענען פּעסי-מיסטיש, ווייל דאָס לעצטע אַפּ פֿון האָפענונג. דאָס וועלן מיך פערטיידיקן וועט זיין די זאַכע נישט זאַכלעכקייט, - ווי פֿון יענעם לאַגער דאָס באַגרינדעטע וועלן אַרויסציען איך א שטיקל וועגן מיין „רעוואָלוציאָנעריזם". פאַר אונז, ווי פאַר דער גאַנצער ייִדישער ליי-טעראַטור, עקזיסטירט אַן אַנדערע פראַגע, וועלכע קיין וועגט דירעקט נישט פֿון אָרט:

וואָס טוען ראַדיקאַל-קאַציאָנע-מאַל אין דער ליטע-ראַטור? אין א וואַקסאַרן זכות??? (י. מ. וו.)

## מיטיילונגען פֿון דער רעדאַקציע.

1. צוליב מאַנגל אין פּלאַץ זענען א סך לידער נישט אַריין אין דעם יובילעי-נומער, ווי „שטאַרקער פֿון טויט" (פּאָעמע) פֿון ח. ה. לעווי, „הייבט זיך אויף" - פֿון חיה עלבוים, און נ. אג. אויך דער באַשטייערונגס-צעטל פֿון באַפעסטיקונגען איז נישט אַריין.
2. [illegible] בריף אין דער לעצטער צייט צו דער רעדאַקציע וועלן די טעג געענטפערט ווערן.
3. אין א ביילעגטע פּאָסט-קאַרטל וועלן בריף נישט געענטפערט.

**פערשפרייט איבעראַל „אינזער האָפענונג", העלפט שאַפן א געזונטע ייִדישע ליטעראַ-טור, ווייל נאָר מיט אינז קען זי זיך בויען**

Druk. [illegible] Warszawa, Długa 25 Tel. 850-19.

און, סיי קלענערע דערציילונגען און נאָוועלן, אַלע מיט דעם
דראַנג פין אָנווייזן אויף דער אימזיניקייט און פערדאַרבונג אין
לעבן פין וועלכן אַ טייל האָט דער רוסישער באָסיאַק און גרוי-
סער גייסט, וואָס הייסט גאָרקי, אַליין געמיזט שלעפן אויף זיי-
נע פלייצעס פינקט, ווי קריסטוס דעם קרייץ. און דעריבער זע-
נען די אַלע אָנקלאָגן אויף דער מענטשהייט און דער געזעל-
שאַפט, דאָס בעסטע ביאָגראַפישע מאַטעריאַל פאַר אים אַליין.
זיין ביטער לעבן און ריסן אין דער נשמה, ביז פערמאַטערונג,
דאַרף מען זיכן אין זיינע דערציילונגען. זיינע סימפּאַטיען גיסן
זיך אימעטים אויס צי אַלע זיינע פריערדיקע פריינט אין אים-
גליק. גאָרקי האָט ליב די סביבה אין וועלכער ער האָט פריער
געלעבט און האַסט מיט אַן אייביק ברענענדיק און געטליך
פייער די פין דרויסן שטייענדיקע און וואָס שאַפן די דאָזיקע
סביבה, ווי אַן אומבעדינגטע קאָנסעקווענץ פין זייער, פערברע-
כעריש לעבן.

אַט דאָס איז גאָרקי. אַ דערלייזער צי דער געפּלאָגטער
אין זימפּ פערזינקענער מענטשהייט און אויסראָטער פין איר
פערדאָרבנקייט. אימעטים איז ער דער קריסטאָס, דער אַפּאָסטאָל,
וואָס זיכט אַ רעטונג פאַר דעם לעבן און חייט און מעכטיק, ווי
פין אַ מענטש אַ נביא און גיגאַנט, האָט זיין שטים אַריינגעק-
לינגען אין דער וועלט אַריין, אַזוי אַז זי האָט אויפגעשווידערט
אין איר פערברעכן, דערזען זיך ווי זי איז און אָנערקענט דעם
אָנזאָגער פין דערוייל, אַ שלעכטער בשורה אויף די קימענדיקע
טעג, נאָר וואָס קינדיקט אייגצייטיק ווען דער אויסלייזונג פין
דער וועלט, אַז זי מיז בעפרייט ווערן*).

---

*) די רעדאַקציע דריקט אויס איר ציפרידנהייט וואָס צים
60 יעריקן געבירטס-טאָג פין גאָרקי'ן, איז אינז געלינגען צי געבן
בעסער פין דער גאַנצער ייִד. טאָג-פרעסע און פעריאָד. שריפטן
אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס איז אַזוי גוט געטראָפן צים שאַפן פין
גאָרקי'ן און דערהויבט, וואָס עס מאַכט מעגליך אינזערע לעזער
דעם דאָזיקן גרויסן גייסט קלאָר און דייטליך צי דערקענען.

די רעדאַקציע





ר אָ ב ע ר ט מ ע ר י ס מ אַ ן

## דאָס דערוואַקסענע ווינדער-קינד

(פין אינזער דיכטער גאַלעריע)

אַ. לוצקי — אומעטיק און פריילעך פ. „אַבאַגעבטען" ניו-יאָרק — 1927

(פ אָ ר ט ז ע צ ו נ ג)

* *
*

דער פראַנצויזישער דיכטער און דראַמאַטורג זשאָרזש
דיאַמעל ריפט אויס: „עס זענען נייטיק נייע אויגן אים זין
אַרימציקיקן אויף אַלץ נייע דערשיינונגען, בעפרייטע פין אַלע
טראַדיציעס, גים צים שילדערן דאָס, וואָס די זעהסט". אַט מיט
אַזעלכע נייע אויגן האָט גאָט בעשאָנקן לוצקי'ן. איך ווייס
נישט, מיר איז לחלוטין אימבאַקאַנט, ווי אַזוי לוצקי האָט גע-
דיכטעט איידער ער איז געקימען אויף די פראַנצויזישע שלאַכט-
פעלדער. אַ פאַקט איז אָבער, אַז אויף אַט די שלאַכטפעלדער
האָבן זיך זיינע אויגן ניי געעפנט צי זען אַלץ און אַנדערש
ווי אַלע. זיין אויג מיידט קיין זאַך נישט אויס, דרינגט יעדע
קלייניקייט דארך און דאָרך מיט זיין שאַרפן בליק. דעריבער
זענען מיר טאַקי, אַז ביי אים איז נישטאָ נישט קיין ריינער,
אַבסאָלוטער צער און נישט קיין אַבסאָלוטע פרייד, ווייל אַבסאָ-
לוטס איז בכלל נישט בנמצא אין דער נאַטור. דאָס העלסטע
ליכט איז דאָרכגעוועבט ביי אים מיט שאָטן און שאָטן געוועל-
טיקט אפילו „אין די ווינקלען" בלויז ביז די ערשטע העלע
זינען-שטראַלן דערגרייכן דאָרט. דער טרויער פין די ווערטער
דערטרינקט זיך אין ים פין שפּילעוודיקער שיינקייט, אין קוואַל
פין עסטעטישן חן:

ניט די רונדן — נאָר די ראַנדן.
ניט די פלאַכן — נאָר די פאַלדן.
אין די קנייטשן — איז דער טרויער.
אין די ווינקלען — איז די תּפלה.

און ווען „מענטשן רעשן זיך אין גאַסן" זעען אַנדערע ווי דאָס לעבן ברויזט דעמאָלט אויף, לוצקי אָבער איז נישט פאַרשיכּורט פון אָט דעם מענטשלעכן ראַשן, ווייל ער דערשפירט באַלד דאָס תּעלומות׳דיקע און דעריבער בעמערקט ער תּיכּף: „יאָ, דאָס לעבן שטילט דערנעבן" און דאָס איז דערפאַר, ווייל זיין נייע אויג דרינגט אַריין איר בליק „אין די זוימען פון די זאַכן". און ער דערגרינטעוועט יעדע זאַך אַזוי פילאָזאָפיש-אייגנאַרטיק, ווי זעלטן וועער פון אינזערע גרויסע דענקער. מער נישט ביי לוצקי׳ן קיקט אַלץ אַרויס אויסשפּילעוודיק און אַ מאָל אויך קינדיש ציגעפייפט דערביי, אָבער תּמיד מיט טויזנט חן׳ען. דעריבער קומט ביי אים אַרויס, סיי דער טיפסטער צער און סיי די העכסטע פרייד אָרגינעל-אייגנאַרטיק, אין דער פאָרם פון—

נישט קיין קלאָגן, נישט קיין לאַכן –<br>
נאָר אַ נייער מאָך פון זאַכן. (ז. 194)

יאָ, אַ נייער מאָך פון זאַכן, פּינקט אַזוי ניי ווי ס׳איז דער גאַנג פון דער נייער צייט, אָדער דער רעש פון דער זיך ענדערנדיקער נייער וועלט.

קיינער פון די נייע דיכטער אין דער יידישער ווי אין דער אַלוועלטלעכער פּאָעזיע, האָט נאָך נישט פערשטאַנען מיט זיין פּאָעטישער אינטואיציע אַזוי גיט און אַזוי טיף ווי לוצקי די אַלע ענדערונגען, וואָס זענען לעצטנס פאָרגעקימען אין דער וועלט, אין לעבן, און אַרויסגעזאָגט האָט ער עס פּאָעטיש איינפאַך און פילאָזאָפיש קינצלעריש אַמבעסטן אין „דזשעז" (ז. 129)

זאַווערוכע,<br>
ווילדעוואוכע.<br>
מענטש און חיה – איין משפּחה,<br>
לייב און לעמל – איין מערכה.<br>
— — — — — — — —

אַ צעבראַזג פון אַלע זייטן,





אַ צעברויז פון אַלע ווייטן...<br>
— — — — — — — —<br>
קראַך האַרמאַטן און קאַנאָנען!<br>
טרייסל ערד און טרייסל הייזער,<br>
גיכער היינט און גיכער מאָרגן;<br>
שנעלער זייגער מיט די ווייזער!<br>
— — — — — — — —<br>
ראַדיאָ ריפט אַרינטער מאַרסן:<br>
וועלטן, ריקט זיך צי ציזאַמען!<br>
העכער, העכער סאַקסאָפאָן!<br>
שטיף אין שפּיל זיך טראָמבאָן,<br>
טראָמבע טרובע, אויבנאָן,<br>
פלאַטער פליקל ווי אַ פאָן,<br>
קלינגל גלעקל און דערמאָן,<br>
שאַל אין שטראַל, טראָמפּייט, זאָג אָן!—<br>
— — — — — — — —<br>
מיטאַמאָל פון אָנהויב אָן!...

---

אברהם רייזען זאָגט וועגן לוצקי׳ן: „אין דער וועלט פּאָעזיע איז נאָר זנגאַלאָגיש צי אים וואָלט וויטמאַן אָבער וויטמאַן איז ציפיל אָפּטימיסט, ציפיל נביא, האָט ער ווייניק ביזאַנסן, לויטער מאַדזשאָר, אָן מינאָר"...

ס׳וואָלט באמת גאָר נישט שווער געווען צי בעווייזן אינזער ליבן רייזענען, אַז אויך לוצקו איז נביא, איך וועל מיך אָבער בעניגענען מיטן אָנווייזן אויף די אויבן-ציטירטע שורות: „מענטש און חיה – איין משפּחה, לייב און לעמל – איין מערכה". וואָס אַנבעלאַנגט אָפּטימיזם איז לוצקי אויך נישט פרעמד דערפון. אויב אַ דיכטער קען זיך ערלויבן צי זינגען אין סאַמע אָנקיב פון נייע נישט שכל׳דיק-דערוואַרטעטע צייטן אַזעלכע שורות ווי: –

איך בין לויטער ליד,

אַזוי ווי איילנדיקע דינע וואַסערלעך.

געזאַנג.
באַנג.
לויטער יאַנטעוו.

אָדער עהנליכע צי די ציטירטע שורות, מיז אַזאַ דיכטער זיין אָפּטעמיסט. מער נישט מען בעדאַרף דערביי געדענקען דעם אינטערשיד פין צייט אין וועלכער וויטמאַן האָט געזונגען און ס'זינגט איצט דער אייגנאַרטיק-אָריגינעלער א. לוצקי.

יאָ. איך וואָלט נאָך לייכט געקענט ציטירן אַ סך, גאָר אַ סך כדי צי בעווייזן די רייכקייט לוצקי'ס און הילכיקע, קינדיש לויטערע פרייד, גאָר — צי וואָס? אַ', וואָס, ביי אים איז אָפּטמאָל די פרייד אינטערגעשלאָגן מיט אַ שטילן גלעטענדיקן אומעט, ווי ווייסע בלימען אויף אַ שוואַרצער קאַנווע, איז שילדיק אין דעם די נייע צייט, אָבער נישט לוצקי'ס נייע אויגן און אויך נישט קיין אָפּטעמיזם.

אַ געוויסן פערגלייך צי לוצקין טרעפן מיר אויך ביי דעם גרויסן בעלגישן דיכטער עמיל ווערהאַרן. אויב דער לעצטער האָט געזאָגט: „דער מענטש אַנערקענט זיך אַלס פראַגמענט פין דער וועלטליכער אַרכיטעקטור", האַלט לוצקי דעם מענטש פאַר דעם גרעסטן פראַגמענט, פין דער אַלוועלטליכער אַרכיטעקטור. ווערהאַרן ריפט אויס: „וואָס גייען מיך אָן די ליידן, אויב זיי העלפן דער פרייד!" אויך ביי לוצקין ריפט דאָס טראַגישע נישט אַרויס קיין טרערן און עס רעגט אַפילו נישט צי בעדויערונג. אויב ער לאַכט עס נישט אויס מיט אַ לייכט האַרץ, העלפט עס אים אָבער תמיד אַרויסציקימען אויף דעם וועג פון קינדערישער פרייליכקייט. און פינקט ווי ווערהאַרן אַזוי אויך לוצקי געוויסער מאָסן סאָציאַל, מער נישט ביים ערשטן איז עס פערבינדן מיט פאַנטאַזיסטישער ערנסטקייט און ביי לוצקין — מיט פאַנטאַזיסטיש געלעכטער. אַ פרייליכע שפיל מיט סאָציאַלישקייט, ווי דער דיכטער קימט אָן צ. ב. ווען אַרבעטער מיט אַ פּראָזאַישע שורה:





„דער הערליכסטער מענטש איז אַן אַרבעטער" (ז. 3.) און באַזאַמען מיט וויטמאַנען און ווערהאַרען, האָט לוצקי ווי יעטוועדער איינער פין די ערשטע צווי, זיך אויסגעדריקט אין פאָרמען און אויסדריקן, וואָס זיינען אייגן זיין דיכטערישע בעגאַבונג, אַז אַלץ דאַרף זיך בעציען צי דער וועלט אין גאַנצן גענימען, צי דעם קאָמפּאַקטן אמת פין דער גאַנצער וועלט.

געוויס: דער אינאַנימיזם און די שטרעבונג צי מענטש־געטליכקייט טראָגן ביי לוצקין אַ ריין עמאָציאָנעלן כאַראַקטער און ווערן געשטעלט ווי אַ ריין פּסיכאָלאָגישע אויפגאַבע פין זעלבסט-רעפאָרמירונג, אין דער צייט ווען ביי ווערהאַרנען זענען עס אָביעקטיווע, קריגערישע צילן און אַרבעטס־אַנשטרענגונגען. ווערהאַרנס פּאָעזיע איז אַ העלדישע אין פילן זין פין וואָרט און אין דער, מיט סובטעלן טרויער אינטערגעשלאָגענער, לעבנס-פרייד פין אַ לוצקי שפירט זיך דאָס פּרימיטיוו־קינדערישע און... טייוולאָנישע, אָדער אין בעסטן פאַל — דאָס ניי־מעפיסטאָפעלדיקע, אויב מ'קען זיך בכלל אַזוי אויסדריקן...

* *
*

אין דער וועלט פין אינזער „ציוויליזאַציאָנס־דיכטער" (דעם נאָמען האָב איך כמעט פּלאַגיאַטירט פין טהאָמאַס מאַנס בוך „בעטראַכטונגען איינעס אונפּאָליטישן") שטייט אַ לוצקי אָן דער זייט, ווי אַן עכטער אָריגינעל־קוואַליטעטער קינסטלער.

אָט בעטראַכטן מיר צ. ב. זיין סטיל. איך גלויב קוים אויב אימיצער איז אימשטאַנד צי בעצייכנען לוצקיס אייגנאַרטיגן און גלייכצייטיק נאָהנט-בעקאַנטן סטיל מיט אַ געוויסן נאָמען. די אויסערע פאָרם, אָדער סטיל, איז ביי לוצקין, ווי ביי יעדן אָריגינעל שאַפנדיקן, נישט אויס ציפאַל אָדער אויס אויסוואַהל, נאָר אַן אינערליכע נויטווענדיקייט בעדינגט דאָרך דעם געפיהלס-פערמעג און אידעען-קערן פין דער פערזענליכקייט!

און פינקט ווי מיט זיין סטיל (אויסערליכע פאָרם) אַזוי איז אויך מיט זיין אינערליכער פאָרם. ווען אַ נייע דערקענטניש שטייגט אויף פין די טיפענישן פין זיין נשמה, שטראָמען גלייך

פין אַלע זייטן מיט די הילפס-געבנדע קרעפטן, אים צי ציען דאָס נייע אין ליכט פין בעוויסטזיין. פינקט ווי דאָס איז דער פאַל ביי יעדן הויך-בעגאַבטן מענטש. די נשמה גיט פין זיך אַרויס דעמאָלט אַ בליהט-שפּראָך, (קנאָספּ) וואָס האָט זיך, אין דער וואַרעם-געהויבענער אינערליכער טהעטיקייט, אימבעמערקט אויסגעבילדעט און פליצלינג, אינטער די רונד-אַרים אַריינדרינגנדיקע ליכטשטראַהלן, פּלאַצט אויף דאס אויבערשטע דינע הייטל. אַזוי קימט אָפט פאָר אויך מיט לוצקיס שאַפונגען. פין איין זייט דער נשמהדיקער געגנזאַץ צווישן זיין אייגענעם און דינאַמישן, אוראַציאָנעלן, אָרגאַניש געוואָרצלטן געמיהטסשטאַנד און דער שטאַרער, ראַציאָנעלער, מעכאַנישער קולטור פין דער צווייטער; טרעפן זיך צוזאַמען פינקט ווי די געזעצמעסיקייט פין לוצקיס פערזענליכקייט מיט דער געזעצלאָזיקייט פין דעם אינטערגאַנג, פין דאָס אַלטע, פאַרמלחמהדיקע.

בכלל קען מען ביי לוצקין נישט רעדן װעגן א י י ן סטיל. ער האָט אַ ס ך סטילן, פינקט ווי אַ טאַטע האָט אַ סך קינדער און קיינער פין זיי איז נישט עהנלעך צים צווייטן. לעזנדיק לוצקין קרינט מען דעם איינדריק ווי פין אַ 10 סענט-סטאָר, אַמאָל — פין אַ צירק מיט פאַרשידנאַרטיקע קינצנמאַכער, אַן אַנדערש מאָל פיהלט מען זיך, ווי מען וואָלט געזעען אין אַ סביבה פין אַן עדה קליינשטעטלדיקע יידן און ווידער אַמאָל דערמאָנט עס אָן אַ קליינשטעטלדיקער חתונה. אַמאָל — עכט פאָלקסטימליך, אָבער אַמאָל אויך קינדערישע סתם-שפּילעריי. בכלל אָבער שפירט זיך ביי לוצקין די דראַמאַטישע ווירקונגס-פאָרם. דער בעוויסטער דייטשער ליטעראַטור-פאָרשער עמיל ערמאַטינגער זאָגט: „דער שטאָף פין דער דראַמע איז דאָס, וואָס פין אַ ווילנס-שטאַרקער פערזענליכקייט איז אַנשטאַט האַנדלונג דאַרכגעלעבטע ווירקליכקייט געשעען. זיין וועזן איז א י נ ט ע נ ס י ו ו ע ש פ אַ נ ו נ ג פ י ן ו ו אָ ס ע ס ב ע ק ע מ פ ע ן ז י ך ק ר ע פ ט ן א י ב ע ר ה ו י פ ט". דאָס אַלץ שפירט זיך שטאַרק אין אַלע לוצקיס גרעסערע אימפּראָוויזאַציעס און אַ „חתונה", „ביים רבנס טיש" אין „די קאַפעליע" און מאַנכס-





מאָל שפירט זיך ווי זיינע אימפּראָוויזאַציעס דאַרפן אַ סצענע כדיי צי זיין „לעבעדיק"...

וואָס איז אָבער פאָרט זיין סטיל? דערויף איז פערהאַן נאָר איין ענטפער: זיין סטיל איז — לוצקי.

לוצקי זעהט די וועלט און דאָס גאַנצע לעבן מיט אַלע מעלות און חסרונות: נישטיקייטן אין הייליקייטן, עקלהאַפטס און האַרציק-ליבינדס, טראַגישקייטן און קאָמישקייטן און, דעריבער שפריצט דאָס לעבן אין זיין ליד ווי אַ מעין המתגבר, פריש און קרעפטיק. דאָס לעבן איז אַן אָרקעסטער, אַ גרויסע קאַפעליע, פין וועלכער עס טראָגט זיך הילכיק ביי יעדן אַקאָרד אויך דער דיסקאָרד און דאָרך כאַאָס בעקימט זיך די פראַכטפילע האַרמאָני.

ביי לוצקין איז פערהאַן קינסטלערישע קאָנצענטראַציע, תמיד — קאָרץ און שאַרף, נאָר דאָס סאַמע נייטיקסטע. ער וועבט זיינע פערזן ווי אַן אַלטער אָריענטאַלער וועבער וועבט זיין טעפּיך, לויט אַ מאָטאָ פין אַן אוראַלטן אַלעמען גיט בעקאַנטן פאָלקס-ליד. זיין יעטווידער זאַץ איז ווי אויסגעהאַקטער קיזלשטיין, אָבער אַנשטאָט צי זיין קאַלט און טויט ווי אַ שטיין, פערמאָגט עס ביי אים די ווייכקייט פין אַ ייגגן פרויען-קערפער און בעוועגליכקייט פין קוועקזילבער.

און נאָכאַמאָל זאָל געזאָגט ווערן: לוצקי איז דער אָריגינעלסטער און אויסערגעוויינליכסטער דיכטער וואָס מיר פערמאָגן. זיין ליד, וואָס איז אונגעוויינליך אַנדערש ווי אַלעמענס, מאַכט אָבער דעם איינדריק פין סאַמען געוויינליכן און דעריבער איז עס אינז אַזוי נאָענט, האַרציק נאָענט און היימיש.

„אַלץ וואָס עס שיינט צי זיין גרויס און טיף דאָ אויף דער ערד — איז אַלע מאָל בלויז אַ שפּיל" — זאָגט שניצלער. די ציטאַטע האָב איך געבראַכט נישט אַזוי צי בערעכטיקן לוצקיס שפּילעוודיקייט ווי צי בעווייזן דעם אינטערשייד ווי אַזוי דאָס האָט פערשטאַנען שניצלער און ווי לחלוטין אַנדערש דאָס פערשטייט לוצקי. אין דער צייט וואָס דער מהות פין שניצלערס פילאָזאָפיע בעשטייט דערין, וואָס ביי אים שפּילן זיך איינצלנע פערזאָנען מיט איינצלנע פערזאָנען, דריקט לוצקי זיין פילאָזאָפיע

ווינדערבאַר - אייגנאַרטיק אויס אין זיין קינדעריש-פּרימיטיוון שפּילן זיך מיט דער גאַנצער וועלט און אַלץ וואָס אויף און אין איר... דעריבער איז בײַ אים, אין היפּך צו שניצלערן, פֿערהאַנען נאָר אֱמֶת, וואָס פֿערניכטעט לחלוטין דעם טרויִם יעדן מאָל אויף אַן אַנדער אָריגינעל-ווינדערבאַר-טרעפֿלעכן אופֿן.

אין לוצקיס פֿילאָזאָפֿישער לעבנס-אויפֿפֿאַסונג געפֿינען מיר אַ סך אַנאַלאָגישעס צו מעטערלינגס דואַליסטישער פֿילאָזאָפֿיע. אויך בײַ לוצקין, פּינקט ווי בײַ מעטערלינגען, איז דאָס וויכטיקסטע ז י י ן פֿאָרשטעלונג וועגן אַלץ...

איצט וועגן לוצקיס מוזיקאַלישקייט: —

עס איז מער ווי אַן אמת. אַז טיילמאָל — און אפֿשר טאַקע מערסטנטייל – קימט די מוזיקאַלישקייט פֿין פֿערז בײַ אים אַרויס ד י ר י ס י מ אַ — גראָב, אָבוצפֿאָרמיק, „אָכריוויסטאָ”. ווען מיר נעמען אָבער אַזאַ ליד ווי „ציטער צײַט” (ז. 155), ווי די „ציטער צײַט” איז דאָרט אפֿילו אינגאַנצן אימקלאָר אין דעם אינהאַלט בכלל – נישט שטאַרק בעגרײַפֿלעך, איז אָבער דערפֿאַר דאָרט פֿערהאַן אַזאַ לײַכטע טאַנץ-מוזיק, וואָס צווינגט דעם לעזער זי איבערצילעזן אפֿילו עטליכע מאָל. נאָך שענער קלינגען אַזעלכע לידער ווי אַ „וואַלץ”. „וואַסערן” און אַ סך אַ סך אַנדערע, וועלכע ס'איז אינמעגלעך צו ציטירן. אין אַלגעמיין גענימען אָבער שפּילט בײַ אים די הויפּט-ראָלע די מוזיקאַלישקייט פֿין אייגנציקן וואָרט, וואָס איז בײַ לוצקין פּשוט צ בעווינדערן.

ס'איז צו בעווינדערן לוצקיס ריטם. יעדעס ליד האָט זיך זיין א י י ג ן ריטם. אָט לעז איך צ. ב. „פֿאָקס טראָט” (ז. 130), הער זיך שפּילנדיק די מוזיק און זע (אין דמיון פֿערשטייט זיך) די פֿאָרלעך טאַנצנדיק. און די איינצלנע ווערטער ליגט דער גאַנצער ריטם פֿין טאַנץ. אָט וויל איך אַלס בײַשפּיל, ברענגען עטלעכע שורות:

„ניט זיכער—טאַנץ
ציטער—צײַט און ציטער—טאַנץ.





מיידל—באַנג און בחור—באַנג.
וויגן—גאַנג און ליגן—דראַנג.

גלידער—גליה און גלידער—קלעם.
צי—ציגויף און נעם—צענעם.

פּיס אין—פּיס און זייט—צו מיט,
ציטער צו און צו צריק.

האָב איך יאָ און האָב איך ניט”.

ס'זענען אויך בײַ לוצקין שירים, ווי ער איז אויסער מוזיקער אויך דיכטער, מאָלער, הומאָריסטיש און ליריש, קינדעריש-קאַפּריזנע און אָריגינעל-שעפֿעריש, גראַדליניק און סתּירהדיק, — דאָס אַלץ איז א. לוצקי.

דאָס בעסטע אינעם בוך, איז אָן צווייפֿל די אָפּטיילונג „די קאַפּעליע”. בלויז וועגן דער איינער אימפּראָוויזאַציע, וועלכע בעשטייט פֿין 10 לידער, וואָלט מען לײַכט געקענט אָנשרײַבן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג. מיר געפֿינען דאָרט מייסטערהאַפֿט צונויפֿגעפֿלאָכטן אָריגינעלע לעבנס-פֿילאָזאָפֿיע מיט פּאָעטישער לאָגיק, פּסיכאָאַנאַליטישער בענעמונג מיט דיכטערישער פֿאַנטאַזיע, ראַפֿינירטקייט און קולטיווירטקייט פֿין זאַץ און וואָרט. דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן „בײַם רעבנס טיש”, וואָס פֿערמאָגט אַ חוץ די אַלע מעלות אויך דראַמאַטישן סטיל און איז ערטערווייז אויסערגעווײנלעך בילדעריש.

געוויס איז לוצקיס שאַפֿונגען ביז איצט נאָך נישט אינגאַנצן ריין פֿינם שטויב, וואָס דער שטאָרם פֿין דער נײַער צייט האָט אויפֿגעהויבן איבער אַלע וועגן. איך וויל אָבער האָפֿן אַז עס וועט זיך אים איינגעבן גובר צו זיין און פֿערטרײַבן אָט דעם שטויב און דעמאָלט... דעמאָלט וועט א. לוצקי זיין דער ווינדערבאַרסטער און אָריגינעלסטער דיכטער פֿין אינזער דור — —

רעטשקי. דעצעמבער 1927.